א ליכטיגן תמיד
אודיא
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

יום ד' ויצא תשפ"ב

# אנכי עמך

## לעבן מיטן באשעפער

### אלעס טוט דער באשעפער

שטייט די וואך אין די סדרה, יעקב אבינו ע"ה איז ארויס געגאנגען פון באר שבע, ויצא יעקב וילך חרנה, ער איז געגאנגען אויף חרן, ויחלום, און אימיטן וועג האט ער געחלומ'ט. שטייט אין די ספרים הקדושים, אז דא שטייט זיבן זאכן וואס איז געשען ביי יעקב אבינו, 1. ויצא יעקב מבאר שבע. 2. וילך. 3. ויפגע במקום, ער האט זיך אנגעטראפן אין די פלאץ. 4. וילן שם, ער האט דארט גענעכטיגט. 5. ויקח, ער האט גענומען די שטיינער. 6. וישם, ער האט ארומגעלייגט די שטיינער ארום זיין קאפ. 7. וישכב, ער האט זיך געלייגט שלאפן. און נאכדעם איז געווען ויחלום, און נאכדעם, והנה ה' נצב עליו, דער הייליגער באשעפער שטייט אויף אים.

דאס קומט אונז אויסצולערנען, אז א מענטש אויף די וועלט טראכט, אז אין די זיבעציג יאר וואס ער איז דא אויף די וועלט - דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז אידן זאלן מאריך ימים זיין ביז הונדערט צוואנציג יאר - ער גייט, ער קומט, ער טרעפט זיך אן, ער קויפט, ער פארקויפט, ער רעדט, ער איז משתדל, ער מאכט, ער טוט. אבער פאר די נשמה הקדושה גייט ארויס פון א מענטש ביי די הונדערט און צוואנציג יאר, הייבט אן דעמאלסט א מענטש צו פארשטיין, אז די גאנצע לעבן איז געווען א חלום און א דמיון, ער האט גארנישט געטון אליינס, נאר אלעס האט געטון דער הייליגער באשעפער.

די תורה הקדושה וויל אונז דא אויסלערנען, יעצט בשעת יעדע איד לעבט אויף די וועלט, ער האט א חיות דקדושה, ער האט די נשמה הקדושה

והטהורה אין זיך, זאלסטו יעצט שוין זען, אז בעצם, אלעס איז ויחלום, אלע זיבן זאכן. נאר די עיקר איז וואס מען דארף געדענקן: והנה ה' נצב עליו, אז דער הייליגער באשעפער שטייט העכער אלעם.

אז מען טראכט אזוי, האט מען נישט קיין עצבות און נישט קיין מרה שחורה, נישט קיין כעס, נישט קיין גאווה, און אוודאי נשט קיין קנאה שנאה תאווה און כבוד, ווייל אלעס טוט דער הייליגער באשעפער, טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו, דער הייליגער באשעפער איז גוט, און אלעס וואס ער טוט גלייב איך באמונה פשוטה, אז עס איז גוט.

## אז מען האלט די קאפ ארויס פון די נסיונות קען מען זיך דערהאלטן

יעקב אבינו האט גענומען די שטיינער און ער האט עס ארומגעלייגט ארום זיין קאפ, ער האט געמאכט אזא רינג ארום זיין קאפ. זאגט רש"י, די טעם דערפון איז, ווייל ער האט מורא געהאט פון די חיות רעות. דארף מען צו פארשטיין: אויב יעקב אבינו האט מורא געהאט פון שלעכטע חיות, לייגט מען ארום שטיינער ארום די קאפ? די גאנצע גוף דארף מען באהאלטן? א חיה זוכט נישט דווקא א קאפ פון א מענטש?

נאר וואס דען? עס איז געווען א אינגערמאן וואס ער איז געזעסן קעסט ביי זיין שווער פאר יארן לאנג, ער איז געזעסן און געלערנט תורה ויראת שמים, מיט א געוואלדיגע הצלחה. איין טאג רופט אים אריין די שווער און זאגט אים: די קעסט האט זיך געענדיגט טייערער איידעם, דו דארפסט ארויסגיין זוכן פרנסה! ער איז געווען א חסיד פון הרה"ק רבי יחזקאל קוזמירער זצ"ל, נו, גייט מען פרעגן דעם רבי'ן וואס צו טון.

"רבי, איך דארף ארויסגיין זוכן פרנסה, אין וואס פאר א פרנסה זאל איך עוסק זיין? און פארשטייט זיך איך דארף א ברכה פון רבי'ן אויף הצלחה!".

פרעגט אים דער קוזמירער: זאג נאר האסטו אמאל געזען א פייגעלע וואס פליט ארום אין די וואלד?

ער גיבט א שאקל: יא, אוודאי, ווער האט נישט געזען פייגעלעך?!

פרעגט אים דער קוזמירער: און וואס געשעט ווען דער פייגל מאכט א טעות, און גיבט זיך א זעץ אריין אין א בלאטע?

זאגט ער: ער פראבירט ארויסצוגיין דערפון!

וויאזוי פראבירט עס ארויסצוגיין?

עס קלאפט מיט די פליגלען מיט כח, ווילאנג עס ציט ארויס די פיס פון די בלאטע, און ער פליט אוועק!

זייער גוט! - זאגט אים דער הייליגער קוזמירער - אבער איך האב נאך א שאלה: אויב בשעת די פייגל איז אריינגעפאלן אין די בלאטע, איז נישט נאר די פיס אריינגעצויגן געווארן, נאר די פליגלען זענען געווארן פארשמירט מיט שווערע בלאטע, און עס קלאפט זיך נישט אזוי, אז עס קען נישט קלאפן מיט די פליגלען, די פיס איז אריינגעאנגען אין בלאטע, וואס טוט יעצט די פייגל?

די פייגל שאקלט די גוף אהער און אהין, און דרייט זיך ארויף און אראפ, און טוט

אלע מיני תנועות מיטן גוף, זיך ארויסצוראטעווען פון די בלאטע!

זייער גוט! - זאגט אים דער רבי - אבער וואס טוט מען, ווען די גאנצע גוף פון די פייגלע איז אריינגעפאלן אין בלאטע, און ער קען זיך אפילו נישט ארומשאקלען פון זייט צו זייט אויך נישט?

ער הייבט אויף די קאפ הויך, עס שטעקט ארויס די מויל פון די בלאטע, און עס מאכט די גרודער וואס א פייגעלע מאכט!

זאגט אים דער רבי: און וואס טוט די פייגל ווען ער הייבט אויף די קאפ און מאכט די גרודער מיט די מויל?!

זאגט אים דער רבי: דעמאלסט רופט עס אנדערע פייגעלעך זאלן קומען העלפן, עס שרייט פאר אנדערע פייגעלעך זאלן קומען העלפן! האסט פארשטאנען?

יא רבי איך האב פארשטאנען!

האט אים דערמיט געזאגט דער הייליגער קוזמירער: מען גייט ארויס פון בית מדרש, מען קומט ארויס אויפן גרויסן וועלט, די גרויסע וועלט איז פול מיט בלאטע. ווען מען קען, דארף מען זיך היטן, גיי נישט אין בלאטע, ווער נישט פארשמירט. אבער טאמער מען איז אריינגעפאלן אין די בלאטע, דארף מען זען, זיך גראד ארויס צודראפן דערפון. אבער וואס טוט מען, ווען ח"ו, עס איז שוין געקומען די מינוט, און די גאנצע גוף איז אריינגעטינקן אין די בלאטע?

איין זאך דארף מען מאכן זיכער: שטעק ארויס די קאפ פון די בלאטע, און דו האסט א מויל, און דו נעם זיך שרייען! הייב אן רעדן צום הייליגן באשעפער, הייב אן דאווענען צום אייבערשטן, שריי: טאטע! דעמאלסט ווערסטו ווערן געהאלפן!

זאגט דער ישא ברכה פון מאזשיץ: יעקב אבינו איז געגאנגען שלאפן די ערשטע מאל ארויס פון דעם בית מדרש פון שם ועבר. ער האט מורא געהאט פון די חיות רעות, נישט פון די גשמיות'דיגע חיות רעות, ער האט מורא געהאט פון די חיות רעות אין רוחניות, וואס גייט דא זיין? מען איז שוין נישט ביי שם ועבר, ער איז נישט ביי די זיידע אברהם און ביי די טאטע יצחק, וואס טוט מען?

האט ער געמאכט זיכער, ער גייט אפהיטן די קאפ, וואס דארט איז דא די מויל, די אויגעלעך, דאס זאל זיין ריין, דאס זאל ווערן אפגעהיטן, און דעמאלסט האט ער א שאנס צו בלייבן אן ערליכער איד.

א איד דארף וויסן: די קאפ און די מויל דארף מען האלטן אויף א וועג עס זאל נישט אריינפאלן אין די שמוץ, ווייל דאס העלפט אונז ארויסגיין פון יעדן מצב.

מיר לעבן אין א וועלט פון שוועריגקייטן, נסיונות, בלאטעס, מען האט שוועריגקייטן, מען פאלט אראפ, מען קען זיך נישט אויפהייבן, שווערע יסורים, אסאך מאל קיינער זאל נישט וויסן, שווערע נסיונות ברוחניות ובגשמיות, בין אדם למקום ובין אדם לחבירו. אבער אונזער קאפ, אונזער מויל, אונזערע אויגעלעך, דארפן זיין ריין, דבוק אינעם הייליגן באשעפער, שרייען טאטע, דאווענען מעומקא דליבא, לערנען תורה און זאגן די אותיות התורה, און קוקן מיט די אויגן אויף די אותיות התורה, אויף די אותיות התפילה - דאס וועט אונז היטן! די שטיין ארום די קאפ - זאגט יעקב אבינו - דאס גייט אונז האלטן, שטענדיג אין

אלע דורות, צו קענען אנהאלטן בקדושה ובטהרה, מיט פנים מאירות, מיט אמונה שלום בטחון און שמחה, מיט אמונה פשוטה, מיט די פרייליכקייט און גליקליכקייט, און דערהויבנקייט וואס א איד דארף צו האבן.

## אחדות ברענגט די גאולה שלימה

אין מדרש ווערט געברענגט, אלע אותיות קענען זיך באהעפטן איינער צום צווייטן, חוץ די אות ה' און די אות נ', וואס זיי קענען זיך נישט באהעפטן איינס צום צווייטן, זיי בלייבן אליינס. וואס איז די חשבון? א' מיט ט' איז צען, ב' מיט ח' איז אויך צען, י' מיט צ' איז הונדערט, כ' מיט פ' איז אויך הונדערט, א.א.וו. אלע אותיות. ה' מיט נ' קען זיך נישט באהעפטן נאר מיט זיך אליינס, ה' מיט ה' איז צען, נ' מיט נ' איז הונדערט, אבער עפעס אנדערש, קען מען נישט צאמשטעלן.

זאגט דער הייליגער ראפשיצער רב זצ"ל: יעקב אבינו איז אנגעקומען, און ער האט געזען דארט די פאסטוכער, האט ער געזאגט: 'הן עוד היום גדול' 'הן' איז די אותיות ה' מיט נ'. ווילאנג עס וועט זיין א פירוד לבבות, א צווישנשייד, מחלוקת, צווישן אידישע קינדער, אזוי ווי די אות ה' מיט נ', אז מען קען זיי נישט צאמשטעלן, דעמאלסט איז 'לא עת האסף המקנה', איז נאך נישט די צייט אז משיח זאל קומען און איינזאמלען די גליות אידן ח"ו, אבער טאמער עס איז נישט דא די 'הן', עס איז יא דא אן אחדות, דאס ברענגט די גאולה שלימה.

וואס מיינט אחדות? אחדות מיינט: נישט האבן קיין שווער הארץ אויף קיין שום איד, מוחל זיין יעדן איד, נישט רעדן לשון הרע, נישט פלאנטערן אין יענעמס יסורים, נישט זען נעגעטיוו אויף קיין מענטשן. נאר זען פאזיטיוו, גוט, אויף יעדעם, מעלות אויף יעדעם, מלמד זכות זיין אויף אידן, דן זיין לכף זכות, סובל זיין אידישע קינדער. דאס איז מקרב די גאולה שלימה, און עס איז דא אויף דעם א מדה כנגד מדה, אז דער הייליגער באשעפער, דער טאטע אין הימל זעט, אז מען האט ליב זיינע קינדער, און מען איז מחשיב זיינע קינדער, איז ער מחשיב דער וואס איז מחשיב זיינע קינדער, און ער גיבט פאר אים כל טיב וטוב, און כל מיני ישועות.

## ביזן קרעטשמע דארף מען אויך א טרינק

הגרי"ז סאלאווייטשיק זצ"ל, דער בריסקער רב, איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן, ער איז געלעגן אין בעט מיט שווערע יסורים רח"ל, קיינער זאל נישט וויסן, איז געווען איינער פון די מקורבים, האט געוואלט אריינברענגען א פרייליכע לופט, ארויפברענגען א שמייכל אויפן בריסקער רב. האט ער געזאגט, אז ער האט געהערט אז די חסידים האבן א פשט אזוי: 'הן עוד היום גדול לא עת האסף המקנה', יעקב אבינו האט געזאגט פאר די פאסטוכער, די טאג איז נאך גרויס, עס איז נאך נישט די צייט אז מען זאל איינזאמלען די שעפעלעך, גיי פאשע די שאף. האט געטייטשט איינער פון די חסידים, האט איבערגעזאגט דער תלמיד פארן בריסקער רב, אז יעקב אבינו האט געזאגט: רבוש"ע, אפילו עס איז נאכנישט די צייט איינצוזאמלען דיינע שעפעלעך,

צאן מרעיתיך, עס איז נאכנישט די צייט פון די גאולה שלימה, לפחות כאטש אזויפיל, השקו הצאן ולכו רעו, גיב פאר דיינע שעפעלעך גוטע פאשע, גיב זיי צו עסן און צו טרינקן, גיב זיי פרנסה בהרחבה, השפעות טובות לרוב.

אזויוי דער בריסקער רב האט דאס געהערט, וואס דער תלמיד האט געמיינט אז ער גייט זיך צעשמייכלען, האט ער געגעבן א זאג: דאס איז נישט קיין פשוטער זאך וואס דו האסט יעצט געזאגט, עס מוז זיין אן אדם גדול האט דאס געזאגט!

עס איז געקומען ביי שלש סעודת, האט דאס בריסקער רב איבערגעזאגט, און בריסקער רב האט געזאגט, אז דאס האט א מקור אין זוהר הקדוש, אז דער זוהר הק' האט גע'דרש'נט, אז די גאנצע יציאת יעקב אין די גלות אריין, איז דאס מרמז אויף כלל ישראל, וואס וועט ארויסגיין פון ארץ ישראל אין גלות אריין, און די באר איז מרמז אויף די מקור פון השפעות טובות, און די אלע שעפעלעך זענען מרומז אויף די מלאכים וואס זענען ממונה אויף די שפע, אזוי האט געזאגט בריסקער רב, די מקור איז א זוהר הקדוש!

איז מען געגאנגען מברר זיין ביי די חסידים ווער האט געזאגט דיווארט, און עס איז נתברר געווארן, דאס האט געזאגט, רבי מאיר פון פרעמישלאן זי"ע, וואס ער פלעגט שטענדיג ממליץ טוב זיין און בעטן רחמים אויף אידישע קינדער, און דער בריסקער רב האט מורא'דיג הנאה געהאט פון די ווארט.

נאכן בענטשן פון שלש סעודות, האט דער בריסקער רב צוגעלייגט צו דעם, און געזאגט אזוי: מען זאגט ביים בענטשן 'רחם נא ה' אלקינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך' און מען זאגט ווייטער 'ועל הבית הגדול והקדוש' און מען זאגט ווייטער 'רועינו זונינו פרנסינו'. לכאורה - פרעגט בריסקער רב - מען האלט דא אינמיטן רעדן פון 'בית הגדול והקדוש', די בית המקדש, מלכות בית דוד, די גאולה שלימה, וואו גיבט אזא טראסקע אראפ, 'רועינו זונינו פרנסינו', צו רעדן פון פרנסה בכבוד?

אבער לויט די ווארט פון רבי מאיר פון פרימישלאן, פארשטייט מען שוין. מען זאגט 'רחם נא ה' אלקינו', מיר בעטן דיך עס זאל שוין זיין התגלות כבוד שמים, עס זאל שוין זיין די בית המקדש, עס זאל שוין זיין די גאולה שלימה. אבער טאמער עס איז נאכנישט די זמן, לכל הפחות, רועינו זונינו פרנסינו, גיב אונז פרנסה מיט השפעות טובות, פאר אלע אידישע קינדער.

דאס איז געווען די עבודת הקודש פון אונזערע צדיקים, און ווען דער בריסקער רב, וואס איז נישט געווען א חסיד האט געהערט א ווארט פון א חסידישע רבי, ממליץ טוב זיין אויף אידישע קינדער, האט ער געזאגט, דאס איז א דבר גדול, און אן אדם גדול האט עס געזאגט, און עס האט א מקור אין זוהר הקדוש.

אונזער ארבעט דארף זיין: משפיע צו זיין שפע ברכה והצלחה פארן כל ישראל, משפיע זיין שמחה פארן כלל ישראל, משפיע צו זיין סבלנות איין איד פארן צווייטן, פארן כלל ישראל. די חינוך פון די עלטערן, פון די מחנכים און מחנכות צו די קינדער דארף זיין, א סימבאל פון שמחה, פון יישוב הדעת, פון זיך אוועק גיבן פאר א צווייטן, מיט א מורא'דיגע פרייליכקייט,

מיט א געוואלדיגע סבלנות, מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און איבערגעגעבנשאפט. און ווי מער אונז וועלן מחנך זיין אונזערע קינדער, און אונז וועלן זיין א סימבאל פאר אונזערע קינדער, און אונז וועלן זיין א סימבאל פאר די מענטשן ארום, אז מען גיבט זיך אוועק פאר תורה עבודה ויראת שמים, און איין איד פארן צווייטן, וועט אויפוואקסן א הערליכע דור.

## אז מען לעבט מיט אמונה האט מען נישט קיין דורכפעלער

אין די וואכנדיגע סדרה שטייט: דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר יעקב אבינו, 'והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך'. דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (טז ח) שויתי ה' לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט, דוד המלך זאגט אזוי: אויב איך האב אמונה אינעם אייבערשטן, דעמאלסט וועל איך זוכה זיין אז דער הייליגער באשעפער וועט שטענדיג שטיין צו מיין רעכטער האנט, און מיך אפהיטן איך זאל חלילה מיך נישט אויסגליטשן, איך זאל נישט האבן קיין דורכפעלער. שויתי ה' לנגדי תמיד, אויב איך וועל שטענדיג האלטן די שם השם קעגן מיר, כי מימיני בל אמוט, וועט דער הייליגער באשעפער שטיין אויף מיין רעכטער זייט, איך וועל זיך קיינמאל נישט אויסגליטשן, מען וועט שטענדיג שטיין מיט א דערהויבנקייט, מיט א דביקות, מיט א שמחה, מיט א התקרבות האלקים, מיט מדריגות אין עבודת השם.

דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר יעקב אבינו: 'והנה אנכי עמך', אויב דער 'אנכי ה' אלקיך', וואס איז די ערשטע דיבור פון די עשרת הדיברות, וועט שטענדיג זיין מיט דיר, וועסט האבן די אמונה פשוטה אז די 'אנכי' איז מיט דיר, 'ושמרתיך בכל אשר תלך', וועסטו זיין אפגעהיטן אין אלע וועגן וואו דו גייסט, א איד דארף שטענדיג האבן די אנכי ה' אלקיך, עס איז נישט דא קיין כחי ועוצם ידי, א מענטש דארף גלייבן באמונה פשוטה, אונז טו מיר גארנישט, און קיינער טוט גארנישט, אלעס איז די אנכי ה' אלקיך, אני מאמין באמונה שלימה שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, אין עוד מלבדו. דאס איז אונזער אמונה פשוטה, און ווען מען טראכט דאס, און מען רעדט פון דעם, און מען שטארקט זיך אויף דעם, און מען איז זיך מעמיק אויף דעם, זעט מען ישועות ורפואות און ברכה והצלחה.

## מיט שמחה קומט מען איבעראל אן

עס שטייט אין חתם סופר: די ברכות וואס יעקב אבינו האט באקומען פון

יצחק, די 'ויתן לך מטל השמים ומשמני הארץ', האט נאר געקענט צוניף קומען, דורך דעם וואס יצחק אבינו האט געהאלטן פון עשיו, כי ציד בפיו, און ממילא איז יצחק געווען אין א מורא'דיגע בשמחה'דיגע מצב, ער האט א זון וואס זיצט אין לערנט, ער האט א זון וואס איז עוסק אין עניני עסקנות, אבערביידע זענען ערליכע קינדער, האט ער געזאגט די ברכות מיט א געוואלדיגע שמחה. טאמער וואלט ער געוואוסט ווער עשיו איז, וואלט ער געהאט א שטיקל צער, וואלט ער נישט געהאט אזא שמחה. מיט שמחה קומט מען איבערצאל אן! דער הייליגער באשעפער זאל אונז שיקן כל מיני ישועות, אך טוב וחסד, און א לעכטיגן תמיד, אמן, כן יהי רצון.


# קול פנים מאירות

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 |

**ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691

| **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:** 438-228-2500

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:

gilyonospm@gmail.com

**הפצת הגליון השבועי בעיר מאנטשעסטער נתנדב**

לזכות רפואת הילד **ארי'** בן **רחל** לרפואת שלימה ברמ"ח איבריו ושס"ה גידיו רפואת הנפש ורפואת הגוף בקרוב ובמהרה ממש

וע"י הרה"ג ר' שמעי' לעוו שליט"א

לע"נ ר' משה ב"ר דוד שמחה הכהן ע"ה

נפטר א' כסלו תשס"ט תנצב"ה

ולע"נ

ר' יעקב ב"ר יהושע אליקים ע"ה

נפטר כ"א כסלו תש"נ תנצב"ה

וע"י הרב ר' משה יואל טייטלבוים שליט"א

לע"נ אמו מרת שרה דבורה בת הרה"צ ר' ברוך יצחק ע"ה

נלב"ע כ"ח חשון תשס"ח תנצב"ה

ולזכות ר' יהודה ארי' בן רבקה ובני ביתו שיזכה להצלחה וברכה ברוחניות ובגשמיות ולחיות באשבש הם וכל צאצאיהם במנוחה ושלוה אמן

אור לנתיבתי

# זמנים ווען עס איז מסוגל צו גיין צו קברי צדיקים

## א איד האט אנגעפרעגט וואס זענען די טעג וואס מען גייט אויף קברי צדיקים.

פון די אריז"ל שטייט ערב ראש חודש און ט"ו בחודש איז ימי סגולה צו גיין אויף קברי צדיקים. די טאג פון א יארצייט, און ס'איז מקובל בשם דער חתם סופר און אנדערע צדיקים דריי טעג פארן יארצייט און דריי טעג נאך די יארצייט. ערב ראש השנה. ערב שבת איז אויך אן עת רצון על פי קבלה, ממילא איז דאס אויך א זמן וואס מען גייט אויף קברי צדיקים.

רבי חיים וויטאל אין שער היחודים שרייבט: די יחודים וואס ס'ווערט ווען מען איז זיך מתחבר צו די נשמות הצדיקים, זאגט ער אז ס'איז דא א גרויסע חילוק טאמער מען איז זיך מייחד צו די צדיקים ווען ס'איז דא אן עת רצון אויבן אין הימל, וואס דעמאלטס איז עס גורם מייחד זיין און זיך מקשר זיין מיט אלע שרשים עליונים מיט אלע עולמות כולם, מה שאין כן אין אנדערע שעות איז עס נאר א בחינה פון שורש נפשו וואס ער כאפט זיך אן אין דעם פלאץ, אבער ס'איז נישט מייחד די אלע עולמות. על כל פנים זעט מען אז ווען ס'איז דא א זמן פון אן עת רצון קען מען סאך מער אויפטון און מען איז מייחד מער יחודים און מער עולמות קומען אריין דעמאלטס צו גיין אויף קברי צדיקים.

ערב ראש חודש אלול איז א מנהג ביים כלל ישראל וואס ס'ווערט שוין געברענגט אין די פוסקים צו גיין אויף קברי צדיקים. אויך איז מקובל צו

גיין אויף קברי צדיקים ערב יום כיפור. אויך איז מקובל צו גיין אויף קברי צדיקים פאר א מענטש מאכט א שמחה אדער א טאג וואס א מענטש איז בשמחה, און די אלע זאכן ברענגט א געוואלדיגע עת רצון, און ווען ס'איז דא אן עת רצון איז עס ספעציעל אז מען קען דארט פועל'ן גרויסע זאכן סיי פאר די נשמות הקדושים און סיי פאר זיך.

ס'איז דא א מדרש הנעלם פון זוהר הקדוש, רבי יהודה זאגט דריי כתות פון מלאכי השרת גייען יעדן חודש און יעדן שבת צו באגלייטן די נשמה ביז דעם פלאץ וואו מען טוט זיי ארויפפירן. און ממילא איז דא א גרויסע זמן פון עת רצון ערב שבת און ערב יום טוב, אז מ'גייט צו זייער קבר און מ'דערמאנט זיי דא אויף די וועלט, און ממילא ווען מ'באגלייט זיי ארויף ווערן זיי נתעלה נאך העכער. דאס איז איינע פון די סיבות וואס אין זמני עת רצון גייט מען ארויף צו קברי צדיקים.

ס'איז דא וואס זענען מקפיד אז מ'גייט נישט ערב שבת נאך חצות, און ס'איז דא וואס זאגן אז דער טעם איז ווייל אין שער הכוונות ווערט געברענגט אז פון שעה חמישית איז שוין תוספת שבת. אנדערע דינגען זיך דערויף, אבער על כל פנים אזוי איז אנגענומען אז ערב שבת נאך חצות לכתחילה גייט מען נישט ביי אסאך חסידים. אסאך האבן נישט מקפיד געווען, יעדער איינער וויאזוי ער פירט זיך טוט ער ריכטיג.

חצות הלילה איז אויכעט א עת רצון צו גיין אויף קברי צדיקים, ווייל דעמאלטס איז געווען די גאולת מצרים, און ס'ווערט געברענגט אין די גמרא יבמות דף ע"ב תנו רבנן, די פערציג יאר וואס די אידן זענען געווען אין מדבר איז נישט געווען קיין טאג וואס ס'זאל נישט בלאזן א רוח צפונית יעדער חצות הלילה, אזוי ווי ס'שטייט "ויהי בחצי הלילה וה' הכה כל בכור". זאגט די גמרא, וואס לערנט מען זיך ארויס פון דעם? אז ס'איז א עת רצון און א עת רצון מילתא היא.

על כל פנים, דאס איז די זמנים ווען ס'איז אנגענומען ביי כלל ישראל אז ס'איז א עת רצון צו גיין אויף קברי צדיקים. אבער אוודאי, ווען מ'גייט אויף קברי צדיקים, ס'איז א מקום קדוש, ס'איז א מקום ווי די תפילות ווערן נתעלה, און מ'דארף שטענדיג אין זינען האבן אז מ'בעט ביים אייבערשטן בזכות הצדיק, און מ'זאגט אז מ'געבט א פרוטה פאר צדקה פאר די נשמה וואס גייט מודיע זיין פאר'ן צדיק אז מ'איז דארט, און דער צדיק האט א געוואלדיגע נחת רוח פאר זיין נשמה, און זיין נשמה ווערט נתעלה ווען מ'גייט אויף קברי צדיקים, און בפרט ווען ס'איז ימי עת רצון.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

קונטרס

# מאור הפרשה

באידיש

## פרשת ויצא תשפ"ו

מאמר: הילולת הכת ען זי"ע

מאמרי

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יצא לאור
על ידי מערכת פנים מאירות סיקסא
כסליו תשפ"ו

# מערכת פנים מאירות

מכון להוצאות שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

## יכולין לשמוע השיעורים:

## בקול פנים מאירות

**ארה"ב:** 845-414-8211-

845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823

**ענגלאנד:** 0330-350-3190

**ארגענטינע:** 5411-2152-7691

**אנטווערפן:** 323-346-0673

## לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:

gilyonospm@gmail.com

**גם יכולין לשמוע השיעורים על: קול הלשון/פנים מאירות**

# מאמר: הילולת הבת עין זי"ע

## סיפורים ועובדות

נאמרה: מוצש"ק וישלח תשפ"ד

ווען דער בת עין איז אלט געווען 9 יאר איז ער ל"ע געווארן א יתום און ער איז אויפגעוואקסן ביי זיין באבע. דערציילט ער אליין אז ער איז געזעסן אמאל ליל שישי און געלערנט א גאנצע נאכט פלייסיג. אזוי ווי די באבע האט דאס געזען, האט זי מחליט געווען: "עס קומט דאך פארן אייניקל עפעס גוטס." האט זי אים צוגעגרייט, ער זאגט, א פליישיגע געברעגלטע פלייש מיט א בולקע. שוין, ער קומט אהיים און ער זעט דאס פאר פרישטיג. טראכט ער: "וואס עפעס האט די באבע מיר צוגעגרייט אזא ספעציעלע פרישטיג?" האט ער פארשטאנען אז ווייל ער האט פלייסיג געלערנט. ער האט געהאט אזא צער אז לכבוד דעם וואס ער האט געלערנט האט מען אים צוגעגרייט אזא גוטע סעודה, אז ער האט זיך געגעבן א בייס אריין אין האנט און אפגעביסן א שטיק פלייש פון זיך. האט ער צוגעלייגט: "פארוואס דערצייל איך דאס? כדי איר זאלט נישט מיינען אז פון א הינדל מיט לאקשן ווערט מען א גוטער איד".

דער בת עין יונגערהייט האט נישט געקענט רעדן, געווען אזא כבד פה, א בחינה פון א כבד פה. דערציילט ער, דעמאלט איז געווען די סדר פון די בחורים, זיי האבן געגעבן טעג ביי די בעלי בתים - איין טאג ביי דעם און איין טאג ביי יענעם. עס איז געווען איינגעטיילט מיט א קביעות די טעג. איינמאל האט דער בת עין געלערנט א גאנצע נאכט אין בית מדרש, און צופרי האט ער געהערט אז די בעל הבית'טע זאגט פאר איר מאן: "היינט דארף מען מאכן א גוטע סעודה ווייל ער האט געלערנט א גאנצע נאכט." ער האט נישט געוואלט נהנה זיין פון כבוד התורה, אבער דאס מאל האט ער שוין נישט געביסן פון די האנט, יעצט האט ער אראפגעביסן פונעם צונג.

בעצם טאר מען דאך נישט, עס איז אן איסור גמור צו מאכן א חבלה. פונקט ווי מען טאר נישט מאכן א חבלה בחבירו, טאר מען נישט מאכן א חבלה אויף זיך אליין אויך נישט. נאר וואס דען? "סוד ה' ליריאיו." זעט אויס ער האט פארשטאנען אז דער יצר הרע זיצט אויף אים. בקיצור, פון לאקשן וואקסט מען נישט, א גוטער איד.

דער ריבניצער - איך האב געהערט פון א גוי: דער זיידע ז"ל איז געווען אין שפיטאל. האט מען געדינגען א מאן-נורס פאר געלט. מען האט געקענט דינגען א טיעם. איינער פון די נורסעס וואס איז געווען א גרויסער שווארצער, האב איך אים אויסגעפרעגט. פרעג איך אים ווילאנג ער איז שוין א נורס, זאגט ער: "איך האב שוין באדינט אסאך רבים." אינמיטן די נאכט האט ער געדארפט איך זאל אים עפעס העלפן. האב איך אים געזאגט איך וויל נישט. זאגט ער מיר: "אז דו וועסט מיר העלפן, וועל איך דיר פארציילן אלעס וואס דו וועסט מיר פרעגן." איך גיי נישט אלעס ברבים אויסקלאפן. פון צוויי רבי'ס גיי איך רעדן. קודם האט ער מיר געזאגט פון דער רבי ז"ל פון סאטמאר. ער האט אים גערופן "ראביי טייטלבוים". זאגט ער מיר אז ווען ער איז אוועק, האט זיין פלייש געשיינט ווי א בעבי די טאג פון געבוירן. "איך בין דארט געווען," זאגט ער, "בשעת ער איז אוועק. מען האט אים אריינגעברענגט מוצאי שבת. ער האט אים אויפגענומען. ער איז אוועק פון די וועלט. זיין פלייש איז געווען גלאט און שיין ווי א בעבי אין די טאג פון געבוירן." ער האט צוגעלייגט: "איך דריי מיך ביי מענטשן, איך זאג דיר, מען זעט נישט אזוי אויס." נאך זאכן האט ער געזאגט, אבער דארט איז געווען אביסל צייט.

דער ריבניצער איז געווען לענגער, האט ער מיר געזאגט. אויפן ריבניצער האט ער מיר געזאגט אז ער איז בכלל נישט געווען בגדר אנושי. ער דערציילט מיר אז ביים ריבניצער איז די מאגן געווען א שטיין. די זאכן, די עסן אין די מאגן איז געווען הארט ווי א שטיין. עס איז נישט בגדר הטבע אז א מענטש קען לעבן אזוי. דעמאלט האט מען געטראכט צי מען זאל יא אפערירן אדער נישט אפערירן. ער איז שוין געווען קרוב צו די הונדערט, צי ער איז שוין געווען הונדערט. מען האט נישט געוואוסט ווי אלט ער איז. ער האט קיינמאל נישט געזאגט. עס איז נישט דא קיין קלארקייט. מען האט נאר גערעכנט אז ער האט נאך געלערנט ביים שטעפינעשטער, און ער האט געלערנט צוזאמען מיטן עלטערן סקווירער רבי און מיטן סקולענער רבי, דער נועם אליעזר. האט

מען גערעכנט בערך זיין יארגאנג. מען האט נישט געוואוסט צי ער איז יונגער פון זיי אדער עלטער פון זיי. בערך, עס איז נישט געווען קיין קלארקייט. די אלע האבן געהאט פאלשע שריפטן. אויף די שריפטן, דאכט זיך, האט ער נישט געקענט קענען דעם שטעפינעשטער... עכ"פ האט מען דארט גערעדט צי יא אפערירן. זאגט ער אז מען האט מחליט געווען, אויב ער האט געלעבט אזוי ביז יעצט, קען ער ווייטער אזוי לעבן. דרייט נישט קיין קאפ, וועסט אים נאר קאליע מאכן. אז דו האסט פארשטאנען ביז יעצט, וועסטו פארשטיין ווייטער.

דער ריבניצער האט אמאל דערציילט אז ווען ער איז אנגעקומען אין א שטאט און עס איז נישט געווען קיין מקוה אין רוסלאנד, האט ער געגראבן די מקוה בשתי ידים, מ' סאה בשתי ידים. איך וויל דיר עפעס זאגן - איך האב נישט געכאפט די טיפקייט פון די מעשה. עס איז געווען דא ווען מען האט אנגעהויבן גראבן די מקוה, האט מען מחליט געווען מען זאל עס גראבן בידי אדם. עס זענען געווען דא אפאר אידן, דער גראבט און דער גראבט. איינער האט געציילט ביז צוואנציג, איינער האט געציילט ביז דרייסיג, איך האב געציילט ביז דריי... געהויבן הענט, הארטע ערד, עס איז נישט בדרך הטבע, נישט מעגליך. עס זענען געווען אפאר חשובע אידן דא. מען האט געהויבן הענט, מען האט געהערט אפאר שפאנישע חברה, זיי האבן עס אראפגערוקט. אבער דער ריבניצער האט דערציילט אז דעמאלט האט ער באקומען די רוח הקודש ווען ער האט געגראבן די מקוה. גיי ארויס אויף די גאס, נעם א שאוול, הייב אן גראבן, זאג מיר ווען דו ביסט פארטיג.

רבי יענקעלע האט געזאגט: "דער עולם האט ליב געלט-מעשיות און מופתים. ווען מען דערציילט אן הנהגה, די מידות פון ערליכע אידן, איז דאס אויך זייער א גרויסער מופת. זייער הנהגה איז אויך א מופת".

מען דערציילט אז איינמאל האט ער אזוי געדאווענט - נאך פאר ער איז געווען א חסידישער איד - האט ער געדאווענט מיט התמרמרות, מער מיט צער און טרערן. איינמאל האט ער אריינגעביסן אינעם פלייש פונעם פיס, אז דאס פלייש פון דעם פיס האט אים אנגעהויבן ממש פארפוילט ווערן פון התמרמרות.

האב איך שוין דריי מעשיות וואס מען קען נישט פארשטיין פשטות. איז ער נישט דא געווען? איך וויל נאר ארויסברענגען אז מען קוקט זיך אום וואס האט זיי געברענגט צו די מדריגות, צו די וואס זיי זענען אנגעקומען. מיר האבן שוין גערעדט היינט - ער איז דאך געווען א טשערנאבילער, א מאור עינים תלמיד. ער האט זיך אויך געדרייט ביים הייליגן בארדיטשובער, רבי ברוך'ל מעזיבושער. ער האט נאך געטראפן רבי ר' זושא, דער דגל, דער אפטער רב, דער אור המאיר, דער זבארישער - צדיקי עולם.

מען דערציילט אז איינמאל ווען דער טשערנאבילער מגיד, דער אווריטשער, איז געזעסן ביים עק פון טיש, שפעטער האט דער מגיד אנגעפאנגן רעדן סתם שמועסן מיטן עולם, האט ער זיך ארויסגעשטיפט און ער איז געקומען ביז אויבן פון טיש. איינער האט עס זייער וויי געטון. "ווען דער רבי זאגט תורה, זיצסטו פון אונטן. דער רבי הייבט אן שמועסן, קומסטו ביז אהער? וואס איז פשט פון דעם?" און ער האט אים געטשעפעט: "וואס עפעס צום שמועס קענסטו קומען"?

ווען דער טשערנאבילער מגיד האט עס געהערט, האט ער געזאגט: "ווען מען זאגט תורה, קען ער זיצן ביים עק פון טיש און ער הערט ביז אהין, אבער וואס ער ברויך נישט צו הערן, הערט ער נישט. ממילא האט ער געדארפט קומען נאענט".

מען פארציילט אויף רבי יחזקאל'ע מערץ, ער פלעגט אלץ זאגן ער הערט נישט. ער האט געלערנט מיטן זידיטשובער, האט ער אלץ געדארפט שרייען. האב איך געהערט פון אן איד פון פאפא: ער פלעגט אסאך דאווענען אין פאפא בית מדרש. פלעגט ער דארט צולויפן צו דעם בעל תפילה, "העכער, העכער, איך הער נישט גוט!" זאגט ער. אבער אויפן וועג צום בעל תפילה האט ער געענטפערט יעדן "ברוך הוא וברוך שמו" און "אמן". זיי פלעגן דאס שטיין און קוקן יעדן טאג. ער קומט אריין אין בית מדרש און ער ענטפערט אלעס, אבער ער בעט "העכער"!

ביים ריבניצער איז אויך געווען א מעשה. ער איז געווען אין סאטמאר ל"ג בעומר, און דעמאלט האט דער רבי גערעדט פון סוף זמן תפילה. און דער ריבניצער איז געזעסן

נעבן רבי'ן און ער הערט נישט. נאכדעם האט ער איבערגעפרעגט וואס דער רבי האט געזאגט, ווייל ער האט גארנישט געהערט. וואס מען דארף נישט הערן, הערט מען נישט.

צדיקים האבן א שליטה אויף זייערע אויערן.

דער אוורִיטשער האט נישט געהאט קיין קינדער. איינמאל איז געווען איינער פון די גרויסע ליטווישע גדולים פון די מתנגדים, און יענער האט זייער מבזה געווען דעם הייליגן בארדיטשובער זצוק"ל. און ער איז דאך געווען א תלמיד, און ער האט צוריק געגעבן איינס אויף איינס, געשריגן. ער האט אים מורא'דיג מבזה געווען. האט אים יענער גדול געזאגט, טאמער ער גייט אים נישט איבערבעטן, גייט ער אים געבן חלילה אז ער זאל קיינמאל נישט קענען האבן קיין קינדער. האט ער אים געזאגט, "איך ווייס אז דו ביסט א גדול, און איך ווייס אז דיין נישט ברכה איז עושה רושם בשמים. איך בעט דיך נישט איבער." און כך הוה.

מסירת נפש ווייטער. סוד ה' ליראיו, אבער עס איז נישט משיג צו זיין. ער זעט אויס, האט געזען מן השמים אז דאס איז א העכערקייט, און מען דארף זיך ארומקריגן, און מען דארף שטיין אויפן צד פון הייליגן בארדיטשובער. ער האט מקריב געווען דורות סוף כל הדורות פאר דעם.

דער בת עין פלעגט אסאך פאסטן פאר ער איז ארויפגעפארן אויף ארץ ישראל. איז ער געגאנגען צו די צדיקים זיך געזעגענען. ער איז אנגעקומען צום ריזינער. האט אים דער ריזינער געפרעגט, ער זאל דערציילן ווען ער האט זיך געדרייט ביים הייליגן רבי זושא. דער בת עין האט זיך געדרייט ביי אזויפיל תלמידי בעל שם. האט ער דערציילט אז רבי זושא האט אים געגעבן א פסק פארוואס ער מאכט אזויפיל תעניתים און סיגופים. און דעמאלט האט רבי זושא געהאלטן אינמיטן פארריכערן די לילקע ציבעך. האט דער אוורִיטשער אויפגעפאסט אז אינמיטן וואס דער רבי ר' זושא זאגט אים מוסר, איז ער געווען מחציו למעלה א שטיק פייער, נישט געווען קיין אדם. האט אים דער ריזינער געפרעגט, "זאג נאר, יעדער האט עס געזען אדער נאר דיר?" זאגט ער, ער ווייסט נישט. האט ער דערציילט אז רבי זושא האט אים געזאגט, "אז דו וועסט מיר צוהערן און

אויפהערן מאכן סיגופים, וועל איך דיר ארויפברענגען העכער אלע צדיקי הדור." אויף דעם זאגט ער, "עס טוט מיר באנק אז איך האב אים נישט אויסגעהערט און געפאלגט".

דער בת עין איז אנגעקומען, אבער עס זעט אויס אז מיר פארשטייען נישט פון וועלכע מדריגה מען רעדט. אבער קוק אן, דאס איז א הפלא'דיגע זאך. צדיקים, ווען זיי טוען א דרך אין עבודת השם, ער דערשרעקט זיך נישט. "איך וועל דיר ארויפברענגען מדריגות," מסכים.

עס איז אמאל געווען, איך האב דערציילט פאר מיין זיידע ז"ל אז עס זענען דא אידן וואס האבן דעמאלט אנגעהויבן מאכן א שידוך און תיכף לייענען זיי תנאים. מוזט געדענקען, אין יענע צייטן פלעגט מען זיך וואשן ביי א תנאים. עס איז געווען א געהעריגע סעודה. ווען מען האט געלאדנט צו א פדיון הבן, האט מען אויך געלאדנט צו א תנאים. עכ"פ, מען האט אנגעהויבן איינפירן אז מען וואשט זיך נישט. די משפחה איז קע"ה געווארן גרעסער, פשוט די צייט האט עס נישט ערלויבט - אסאך ביטול זמן און געלט. האב איך אים דעמאלט דערציילט, "איך בין געווען ביי א איד וואס האט געמאכט א שידוך און גלייך געלייענט די תנאים. מען האט געטראכט אפשר וועט זיך עס איינפירן." זאגט ער, "עס איז א מורא'דיגע זאך, זייער א שיינע זאך." פרעג איך אים, "גייסטו עס איינפירן ביי אונז אויך?" זאגט ער, "איך טו נישט אלע שיינע זאכן"...

ער האט מיר אמאל געזאגט, ער פלעגט לערנען ביינאכט. ער איז אויפגעוועון גאנצע נעכט. ער האט זיך קאליע געמאכט די פיס פון די קעלט אין ווינטער. סוף ימיו יארן וואס ער האט געמוזט גיין אויף א ווילטשער, ער האט נישט געקענט שטיין אויף די פיס. האב איך אים אמאל געפרעגט צו ער האט חרטה, זאגט ער: "ניין, איך וואלט עס נישט געדארפט טון, אבער חרטה? ניין, איך האב נישט קיין חרטה." דער אווריטשער האט אויך געזאגט פשט דערפון. איך מיין דער בת עין, ער האט געוואוסט דאס איז זיין עבודה. נישט נתרגש געווארן יעדן טאג פון יעדע שיעור וואס ער האט געהערט. דער הייליגער רבי ר' זושא האט אים עפעס געזאגט. מיר קענען דאס נישט נאכמאכן.

אגב, ווען דער אוריטשער האט געקענט לערנען, מען פארציילט אז אמאל האט ער זיך געטראפן מיט תלמידים פון נודע ביהודה. זיי האבן דעמאלט עוסק געווען אין א שווערע שאלה פון אן עגונה, און עס איז געגאנגען הין און צוריק. און ער האט זיך געמאכט אזויווי ער פארשטייט נישט, ער כאפט נישט, ער הערט אזוי. צום סוף האט ער געגעבן אין קורצע ווערטער, איבערגעזאגט די גאנצע פלפול און וואס עס בלייבט, קולע געווען אל השערה. האבן זיי געזאגט, תלמידי נודע ביהודה: "תלמידי בעל שם האבן א מעלה אז מען זעט נישט די תורה פונדרויסן." אסאך צדיקים זענען געווען אזוי.

נאך א גירסא אויף דעם, אז ער האט יא מפלפל געווען, ווייל זיי האבן געזאגט סתם אזוי זעט מען נישט.

רבי ישעי'לע האט מען אויך געמיינט ער קען נישט קיין לערנען. רבי הירשעלע מרימנוב האט מען אויך געמיינט ער קען נישט קיין לערנען. רבי שאול בראך האט אמאל געזאגט אויף רבי ישעי'לע, מען האט אים געפרעגט, "ער קען לערנען פיין, אבער ער האט דאך נישט קיין צייט צו לערנען, זיין הכנסת אורחים מאכט אים פארנומען." גראדע האב איך געהערט פון אן אייניקל, אז דער איידעם האט פארציילט, אז ביינאכט אין די אלטע היים, ווען מען איז געגאנגען שלאפן אין בית מדרש, האט מען אויסגעלייגט שטרוי. רבי ישעי'לע האט זיך קיינמאל נישט געלייגט, ער האט אפגעלערנט א גאנצע נאכט. האט רבי שאול בראך געזאגט, "רבי ישעי'לע האט זיך אזוי אויסגעארבעט מיט זיין מדת החסד, אז דער שר התורה קומט מיט אים לערנען תורה." דאס טייטש, וואס א איד איז זוכה דורך זיך פלאגן אויף תורה, איז ער זוכה דורך חסד.

פארציילט א איד אזוי: ער האט געהאט א שווער וואס איז געווען פון די מקורבים. ער האט געהאט א חבר וואס האט געהייסן אלקנה, און ער איז אויך געווען פון די מקורבים פון דעם אוריטשער. דער אלקנה האט נישט געהאט קיין קינדער, און ער פלעגט שטענדיג בעטן פונעם אוריטשער ער זאל אים מבטיח זיין קינדער. ער פלעגט אים מבטיח זיין, אבער ער ווערט עלטער און עלטער און ער זעט נישט אז די ברכה ווערט מקוים.

איינמאל, נאך יום טוב, איז דער אווריטשער געקומען ערגעץ אויף שבת און עס איז געווען דארט א גרויסער עולם. דער אווריטשער איז איינגעשטאנען ביי זיין באבען. זענען זיי אריינגעקומען און אנגעהויבן וויינען אז זיי ווערן עלטער. האט דער אווריטשער געזאגט: "פיין, זאל ער איר גט'ן." אפגט'ן?! ער האט זיך אינגאנצן דערשראקן, און נישט נאר דאס - דער אווריטשער האט געגעבן זיין טאשטיכל מען זאל שוין מאכן קבלת קנין אז מען גייט זיך גט'ן. נישט דאס האבן זיי געוואלט הערן!

דער שווער איז שוין געווען דארט, אינגאנצן צערודערט, נישט געוואוסט אין וועלכע וועלט ער איז. "מען קומט פאר א מופת צו א רבי'ן? דער מופת קען דאך יעדער רב באווייזן! מען דארף נישט קומען צום בת עין פאר די מופת פון א גירושין"!

עס איז געקומען ביינאכט. דער שווער איז געקומען צום בת עין, געוואלט אויסוויינען. האט דער בת עין געפרעגט: "האסט א מדרש רבה?" זאגט ער: "יא." "ברענג אהער!" האט ער אויפגעמישט די מדרש שיר השירים: "נגילה ונשמחה בך." דארט שטייט די מעשה פון רבי שמעון בר יוחאי. אזוי האט ער אים פארגעלערנט די באקאנטע מעשה פון רבי שמעון בר יוחאי.

נעם, די בעסטע זאך: ביים עלות השחר זענען זיי געקומען. האט ער געזאגט: "שוין יעצט דארף מען זיך שוין נישט גט'ן, מען האט שוין פארציילט די מעשה פון דעם מדרש".

וואס איז געווען דער פשט פון דעם? ער האט געוואלט מעורר זיין רחמי שמים, און מיט תורה קען מען מעורר זיין רחמי שמים. איך פארשטיי אזא מעשה נאך א בריוו וואס איך האב געזען אמאל פון אונסדארפער רב. דער אונסדארפער רבי שמואל ראזנבערג - עס איז געווען דעמאלט ווען מען האט דאך אריינגערוקט ביים ערשטן קריג אין מיליטער - האט אים געשריבן א תלמיד א בריוו. שרייבט ער אים: "רבי, אלע גזירות מן השמים דארף מען מקבל זיין באהבה. אונז פארשטייען מיר דאס, אוודאי דארף מען עס מקבל זיין באהבה, אבער איין זאך פארשטיי איך נישט: יום כיפור חילול שבת, נבילות וטריפות - וויאזוי קען מען דאס מקבל זיין באהבה? יסורים קען א מענטש מקבל זיין באהבה, עבירות טאר מען נישט מקבל זיין באהבה".

האט ער אים צוריקגעענטפערט: "מען דארף יא מקבל זיין באהבה." זאגט ער: "ווען א איד האט יסורים, ער גייט אדורך שוועריגקייטן אין רוחניות און עס טוט אים וויי, איז עס מעורר רחמי שמים מרובים און דער אויבערשטער זאגט: 'קוק, דער איד וויינט זיך אזוי צאם און ער איז ממש צאמגעבראכן ווייל ער וויל נישט עובר זיין אויף די תורה, און וואס טוט זיך דא מיט כלל ישראל וואס ווארט שוין אזוי לאנג אויף משיח?' דאס איז די וועג וויאזוי מען דארף עס מקבל זיין באהבה." אזוי שרייבט ער.

עס איז א חידוש. אסאך מאל פלאגט זיך א מענטש אין רוחניות, און דער רבוש"ע דארף די געגועים וואס א איד האט אז ער לעכצט צו אידישקייט. דאס איז דער פשט. ער האט זיי געזאגט זיי זאלן זיך גט'ן, זענען זיי גט'ן געווארן און האבן זיי געהאט געגעים איינער צום צווייטן. זיי האבן געהאט אן אהבה ביניהם, ממילא האט דאס מעורר געווען רחמי שמים. אויבן אין הימל האט זיך גערודערט, האט מען שוין געקענט פועל'ן ישועות אויך.

דער בת עין פארציילט אזוי: אמאל איז ער געווען מיט רבי מרדכי טשערנאבילער. דאס איז געווען חברים, זענען זיי געווען צוזאמען, און מען האט איינגעלאדנט רבי מאטעלע צו א ברית. און ער האט מכבד געווען רבי מאטעלע מיט סנדקאות. האט ער אים געזאגט, "גייסט מאכן א סעודה?" נעבעך, אין דער אלטער היים האט מען געדארפט פרעגן אזא שאלה. ווער האט געהאט געלט פאר א סעודה? האט ער געזאגט, "איך גיי מאכן א סעודה." ער האט נאר פינף רענדלעך, וואס דאס איז פונקט גוט פאר יעדן טאג פון די וואך, אבער מער פון דעם האט ער נישט. האט אים דער טשערנאבילער געזאגט, "ניין, דו מוזט מאכן א סעודה." האט ער אים געזאגט, "גיי צום בעל הבית ביי וועם דו ארבעטסט, בארג פאר די סעודה, און ביסלעכווייז וועט ער עס אראפרעכענען, און איך גיי דיר אויך עפעס צאלן." האט דער מגיד געזאגט פארן אווריטשער אז "סעודת מצוה אין לעשות" - דאס איז דאך די אותיות פון דעם ס"מ, און ממילא זאגט ער, ער האט שוין אנגעפאנגען מאכן אויף סעודת מסכתות. היינט, ב"ה, די עולם מאכט יא, אבער דעמאלטס האט מען נישט געמאכט, און יעצט וויל ער זיך נעמען צו א ברית אויך.

די וואך אין די סדרה "סעודת מצוה אין לעשות" איז דאך, ער, די וואך אין די סדרה איז דא פונעם הייליגן רבי ר' ברוכ'ל פון בעל שם טוב הקדוש. יעקב אבינו האט געזאגט "לית אנא אוביד סברי מבריה". דאס איז די ר"ת איז די פארקערטע וועג סמא"ל אויף פארקערט האט ער געזאגט די שם הוי"ה ווייסט יעדער איינער ווען עס איז כסדרן איז עס רחמים, ווען עס איז נישט כסדרן איז עס דינים. ביי שמאל איז פארקערט - אויב עס איז גראד איז עס דינים, ווען עס איז פארקערט איז עס רחמים. ממילא האט יעקב אבינו געזאגט "לית אנא אויביד סברי מבריה", ער האט געלייגט זיין נאמען אויף די פארקערטע וועג.

האט דער אוורישער געזאגט אזוי: די מלאך מיכאל האט מנצח געווען דעם ס"מ, אז ווען דער ס"מ קומט און ער רימט זיך אויס אז ער רעדט צו אידן צו טון עבירות, ענטפערט אים דער מלאך מיכאל: "שוטה, אפילו ווען דו רעדסט זיי צו צו טון עבירות טוען זיי עס נישט ברצון הטוב ובלב שלם. זיי האבן קיינמאל נישט געמאכט א סעודה, אבער נאכדעם וואס מען מאכט א ברית מאכן זיי א סעודה." זעסטו, ממילא דאס האט ער געמיינט ארויסצוברענגען. דער ס"מ זאגט "סעודת מצוה אין לעשות" ווייל דעמאלט קען ער מקטרג זיין, ווייל טאמער מען מאכט א סעודת מצוה קומט מלאך מיכאל און ער איז צוריק מליץ יושר. זעסטו, ער איז נישט צופרידן פון זיינע עבירות, עס טוט אים וויי. ממילא מיט דעם איז ער מנצח און ממליץ טוב אויף אידן.

דער בת עין איז דער וואס האט צעשפרייט די פ"ד תעניתים. העיד לי החכם רבי שמואל העליר מצפת שקיבל מרבו הרב המקובל ר' אברהם בער שקיבל מרבו עד רבו הגדול הא"י, שנמצא בבית פדיון בשעת הפדיון. ווער עס געפינט זיך אין די הויז בשעת הפדיון איז כאילו התענה פ"ד תעניתים, בפרט בימי השובבי"ם יש תיקון לכל הנמצא בבית. דאס האב איך נישט געוואוסט אז דער אוריצער האט דאס דערציילט און עס קומט פון רבי שמואל העליר וואס איז געווען דער רב אין צפת. רבי פנחס'ל קאריצער האט געזאגט אז סעודת פדיון הבן עולה במקום פ"ד תעניתים. דער נעשכיזער האט געזאגט בשם רבי מרדכי נעשכיזער "ויקח משה את כסף הפדיום" - פ"ד יום. אבער דער אווריטשער זאגט אז אפילו זיין אינעם שטוב בשעת א פדיון הבן איז א מורא'דיגע זאך.

עס איז סאך גרינגער - אזוי האט מען געמיינט אז מען דארף כאפן די קנאבל, פשוט דארט זיין.

ער פארציילט: אמאל איז געקומען אַ איד צום אוריטשער צו בעטן אַז מען זאל דאַוונען פאַר זיין ווייב וואָס איז נישט געזונט. האט ער געזאגט: "וואָס איז אַז די ווייב איז קראַנק?" אַזוי האט ער געגעבן אַ זאָג. דער איד האט זיך דערשראָקן. ער גייט אַהיים און זעט אַז די ווייב איז געזונט. האט ער געזאגט: "וואָס איז פשט?" אַז דער שטן איז מקטרג. וואָס איז ער מקטרג? ווען אַ איד בעט, איז ער מקטרג אַז עס געשעט פאַרקערט. אַזוויוי ער האט געזאגט "וואָס איז אַז די ווייב איז קראַנק", וואָס האט שוין געקענט זאגן פאַרקערט אַז די ווייב זאל זיין געזונט. מוז דאך אָבער דער שטן בעטן פאַרקערט, ממילא האט ער געלאזט אַז זי זאל געזונט ווערן, ווייל ווען מען בעט געזונט וויל ער דאך פאַרקערט.

רבי מרדכי חיים פון סלאנים האט עס איבערגעזאגט. רבי מרדכי איז אַ שטאַרקער מקור.

איינער איז אריינגעקומען צום בת עין און געזאגט אז זיין פרוי איז נישט געזונט. זי דארף האבן אן אפעראציע און עס וועט ממש ראטעווען איר לעבן. האט ער געפרעגט דארטן אין ארץ ישראל איז נישט דא קיין געהעריגע דאקטוירים. אין וויען זענען דא גרויסע דאקטוירים און איך וויל אהינפארן." האט זיך אנגערופן דער אוריטשער, "לא תהא קבורת חוץ לארץ חמורה מחילול שבת. מה דאך שבת ווערט נדחה מפני פיקוח נפש, איז דאך אוודאי און אוודאי אז קבורת חוץ לארץ וועט נדחה ווערן וועגן פיקוח נפש. שבת איז דאך נדחה פאר פיקוח נפש. וואס האסטו מורא אז דו וועסט אהינפארן? אז זי וועט נישט דורכמאכן די אפעראציע, זי וועט אוועקגיין? עס קען נישט זיין, ווייל מה דאך שבת ווערט נדחה פאר פיקוח נפש, איז דאך קבורת חוץ לארץ ווערט וודאי נדחה פאר פיקוח נפש." ער איז געווען ביי די אפעראציע און זי איז אהיימגעקומען געזונט און שטארק.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אלע אידן.

דער בת עין איז דער וואס האט איינגעפירט אז ווער עס רעדט אינמיטן דאווענען זאל צאלן א קנס. מען זאל ברענגען דריי אונסעס וויין אין בית מדרש פאר קנס ווער עס רעדטביים דאווענען. ער האט נישט גע׳געבן פעטש, נאר דריי אונסעס ווייין.

אמאל זענען געשטאנען צוויי מענטשן אין בית מדרש. מען האט געענדיגט שטילע שמונה עשרה, האבן זיי גערעדט שטילערהייט צווישן זיך. האט דער אוריטשער געזאגט אז זיי דארפן ברענגען א קנס. האבן זיי געזאגט אז זיי האבן גערעדט שטיל און דער רבי האט נאך געהאלטן אינמיטן שמונה עשרה. "אינמיטן שמונה עשרה הערסטו ווען מיר רעדן שטילערהייט?" האט זיך אנגערופן דער אוריטשער. "אויב איינער שטייט און דאווענט מיט א דביקות און איינער נעמט ארויס די טאשן טיכל פון טאש, שפירט ער עס נישט, דער איז נישט קיין בעל מופת".

עס האט אים געשטערט. ווייסט פארוואס? ווייל דער פשט דערפון איז אז זיי האבן געהאלטן קאפ אויפן עולם. זיי האבן געוואשן נשמות. ווען מען איז געקומען צו צדיקים אמאל, איז נישט געווען כבוד, עס איז געווען אן עבדות. נאך א נשמה וואס זיי דארפן אריינוואשן. ער שטייט און וואשט נשמות, און דא שטייען צוויי אידן און שמועסן. "אנטשולדיגט מיר, איך רעד יעצט צו דיר אביסל. וואס שטערסטו מיר די עבודה?" דאס איז געווען. און וועגן דעם איז טאקע אין די צייטן וואס די צדיקים קדושים וטהורים האבן געלעבט, איז די לופט געווען א ריינערע לופט, פשוט ווייל זיי האבן געוואשן און געריינגט נשמות.

דער טשעבינער רב האט פארציילט, אז יעדן טאג נאך שחרית פלעגט מען ברענגען פארן אוורישטער א קאווע מיט א קיכעלע פאר פת שחרית. איינמאל, ווען מען האט געברענגט, האט ער עס נישט אנגערירט, און פלוצלונג קומט אריין די רעביצין און שרייט: "ער האט עס שוין געטרינקען? ער זאל עס נישט טרינקען, ווייל עפעס א שאלה איז דא אויף די מילך!" און דער אוריטשער האט געהאלטן אינמיטן לערנען מיט א חברותא. האט ער אים געפרעגט: "מופתים?" "ניין," האט ער אים געענטפערט, "עס איז נישט א מופת, עס איז א ירושלמי." "וועלכע ירושלמי?" "אין מסכת נדרים. די ירושלמי זאגט, אז דער יצר הרע גליסט נישט נאר אויף א דבר האסור. יעדן טאג ווען מען ברענגט

מיר די קאווע, האלט איך עס נישט ביים טרינקען ממש. איך דארף מיך צווינגען עס צו טרינקען אלס פת שחרית, אבער היינט האט עס מיר געגליסט - איז א סימן." און דער טשעבינער רב האט געענדיגט דאס פארציילן, האט ער געזאגט: "דאס איז די גרעסטע מופת פונעם בת עין, גרעסער ווי אלע מופתים".

ביים חתם סופר איז געווען א מעשה אז די רעביצין פלעגט אים אויך אריינגעבן די טיי. איינמאל איז דער גבאי געווען דארשטיג און דער חתם סופר איז געווען פארטיפט אין לערנען, האט ער מחליט געווען אז דער חתם סופר איז נישט דארשטיג היינט, האט ער עס אויסגעטרונקען. דער חתם סופר האט זיך אזוי אויפגעכאפט און ער זעט אז דאס גלעזל איז ליידיג, און ער האט געטראכט צי ער האט יא געטרונקען צי נישט. האט ער געזאגט צום גבאי, "דאס צי איך האב יא געטרונקען צי נישט, דאס געדענק איך נישט, אבער אז איך האב נישט געמאכט א ברכה ראשונה אדער א ברכה אחרונה, דאס געדענק איך, ווייל אויב איך וואלט געטרונקען וואלט איך געקענט פארגעסן, אבער אויב איך וואלט געמאכט א ברכה ראשונה און א ברכה אחרונה וואלט איך עס געדענקט. וועגן דעם ווייס איך אז איך האב עס נישט געטרונקען".

האט פארציילט אז ווען דער אוורוטשער פלעגט ענדיגן א שמועס...

איך האב א קבלה פון רבי משה ניישלאס. איך האב עס נישט געהערט פון אים אליין, פון א תלמיד האב איך עס געהערט, און ער האט עס איבערגעזאגט פון רבי יונתן שטייף, אז ווען מען ענדיגט א זאך וואס איז נישט אזוי בכי טוב, זאגט מען "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום." ברענגט רבי דוד'ל בידערמאן פון לעלוב ירושלים אז דער אוורוטשער פלעגט זאגן ווען ער האט געענדיגט אזא זאך, "ודבריו חיים וקיימים." לעצטנס האב איך עס אנגעהויבן זאגן.

דער אוורוטשער האט צוגעלייגט ודבריו וואס רעדט שוין דער אויבערשטער חיים וקיימם מען דארף זיין געזונט און שטארק. עס איז טאקע א שטארקע זאך. אסאך מענטשן פרעגן מיך פארוואס איך טו עס. עס איז צוליב ענדיגן בכי טוב, מען זאל נישט ענדיגן מיט א נישט גוטע זאך.

ווען דער אווריטשער האט געדארפט ארויפגיין אויף ארץ ישראל, איז ער געקומען זיך געזעגענען מיט רבי מרדכי טשערנאבילער. ער האט דארט געטראפן אלע קינדער חוץ רבי אהרן טשערנאבילער. ער איז געווען יונג און ער האט געהאט א שליחות. ער איז ערגעץ געגאנגען, און פארן בת עין האט עס זייער געשטערט ווייל ער האט געוואלט זיך געזעגענען פון אים אויך.

אינמיטן וועג ווען דער בת עין איז געפארן, האט זיך צעבראכן די וואגן. מען האט געדארפט אראפגיין צו פאררעכטן די רעדלעך. אינמיטן האט מען זיך געדארפט שטעלן דאווענען מנחה, האט מען זיך געשטעלט דאווענען מנחה. אינמיטן האט מען געזען אז עס קומט א וואגן, און מען האט געזען אז אויפן וואגן געפינט זיך רבי אהרן טשערנאבילער. ווען רבי אהרן האט געזען אז מען דאווענט מנחה, האט ער זיך אויך געשטעלט דאווענען מנחה.

ווען ער האט געענדיגט דאווענען, האט רבי אהרן געזען אז דער אווריטשער איז דא. ער האט אים געגעבן שלום. האט דער אווריטשער געזען אז פון הימל האט מען אים געהאלפן .רבי אהרן טשערנאבילער האט געפרעגט פונעם אווריטשער: "אווריטשער רב, זאגט מיר, וואס רעש'ט די וועלט אזוי מיט אייך? א שאלה צו פרעגן..." האט אים דער אווריטשער געענטפערט: "ווייל איך האב ליב אידן." האט רבי אהרן געזאגט: "איך האב אויך ליב אידן, אבער ווי נעמט מען דעם איד?" האט אים דער אווריטשער געזאגט: "די חילוק צווישן מיך און אייך איז אז איך האב דעם אידן און איר האט נישט דעם אידן." איך טרעף ער האט אזא אהבת ישראל אז ער טרעפט עס אין יעדן איד, און וועגן דעם רעש'ט די וועלט פון אים די וועלט רעשט פון אים ווייל ער האט אהבת ישראל אויך א מופת...

מענטשן זעען מופתים היינטיגע צייטן, ספעציעל ווען מען גיט א סעודה. אבער אפילו סתם אזוי, ווען מען צינדט א ליכט פארן אווריטשער, מען לערנט די ספרים, זעט מען עד היום משונה'דיגע הפלא ופלא'דיגע אותות ומופתים. דער פשט דערפון איז, ווייל מען זאל זיין מקושר מיט דעם צדיק.

ער זאגט אויף "מאשר שמנה לחמה והוא יתן מעדני מלך", זאגט ער, די תורה הקדושה ווייזט אונז וויאזוי מען קען ממתיק זיין די דינים כדי ממשיך צו זיין שפע ברכה פונעם מלך מלכו של עולם אין עולמות התחתונים. די עיקר איז צו גלייבן באמונה שלימה "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", בענטשן דעם אויבערשטן על הרע בשמחה בטוב לב ממש כשם שמברך על הטובה. אפילו חס ושלום ווען א מענטש פעלט אים עפעס, אפילו אזוי זאל ער דאנקן און לויבן דעם אויבערשטן. ער זאל לעבן גליקליך "על חיינו המסורים בידיך ועל נשמתינו הפקודות לך". "כל הנשמה תהלל יה", זאגן חז"ל, "על כל נשימה ונשימה". און אפילו עס פעלט אים, זאל ער גלייבן באמונה שלימה אז עס איז כולו חסד, נאר עס איז באהאלטן כדי ער זאל קענען בשמחה דאנקן דעם אויבערשטן, "ויהיה כל השפעות טובות ומעדני מלך בהתגליא". "מאשר שמנה לחמה" - "מאשר" איז א לשון תהלה, דאנקן און לויבן. "שמנה" איז די אותיות "נשמה", וואס ווייזט אויך אויף "שממון". ווען א מענטש דאנקט דעם אויבערשטן אויף די נשמה - אמאל איז עס א גוטע נשמה און אמאל איז עס "שממה", עס פעלט אים, ער האט נישט אלעס, אבער ער דאנקט נאך אלץ, ער איז אלעס "מאשר", ער זאגט עס איז גוט - "והוא יתן מעדני מלך", ער וועט קענען משפיע זיין מעדני מלך, כל השפעות לכל העולם.

א איד גלייבט אין דעם "מאשר שמנה לחמה והוא יתן מעדני מלך", ער קען זיין א משפיע אויף די וועלט, אך טוב וחסד.

דער בת עין האט געזאגט אז אַן איד וואס גלייבט נישט "כי אני ה' השוכן עמם בתוך טומאתם" איז אַן אפיקורס. אַן איד דארף גלייבן.

איינמאל האט אן אראבער גענומען דעם בת עין און ער האט אים צוגעבונדן צו א בוים אז ער וויל אים, נעבעך, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן. האט דער אוורישער גענזאגט: "ווארט נאר א רגע, ער זאל אים ברענגען א גלעזל וואסער." און ער האט געמאכט א שהכל. און אזוי ווי ער האט געמאכט א שהכל, איז געקומען אן אראבער און געזאגט: "מיין גארטל ניצטו אים צו הרג'ענען? איך וויל נישט!" ער האט אוועקגענומען דעם שטריק און ער האט אים אויפגעבונדן. דער אווריטשער האט אים

געוואונטשן עשירות און דורי דורות האט ער געוועז עשירים. די זענען די גוטע אראבערס. די אווריטשער'ס ברכות ברענגט נישט קיין שלעכטס...

וועז א איד גלייבט "שהכל נהיה בדברו", דער אויבערשטער זאל העלפן.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, זכותו יגן עלינו. יעדער איד קען זיך אויסבעטן. מען זיצט ביי זיין סעודה, יעדער זאל זיך אויסבעטן אלעס וואס ער דארף, און דער אויבערשטער זאל אננעמען אונזערע תפילות און בקשות בזכות אברהם דוב בן דוד, בזכות פון הייליגן בארדיטשובער, דער בעל שם טוב הקדוש רבי ישראל בן אליעזר ותלמידיו ותלמידי תלמידיו. מען זאל זוכה זיין צו כל מיני ישועות וימלא ה' כל משאלות לבנו לטוב אמן כן יהי רצון.